# דער נײַגעריקער קינסטלער

מײַן חבֿרטע, אַ לערערין אין געטאָ, איז אין אַ קאַלטן ווינטער־אָוונט פֿון יאַנואַר, 1943, געקומען צו מיר מיט אירן אַ נײַעם שילער — דעם נײַגעריקן זלמן. זי וויל מיר באַווײַזן זײַנע צייכענונגען. איך האָב פֿאַרגעסן, אַז איך געפֿין זיך אין געטאָ, אַז מיט אַ שעה פֿריִער איז אָנגעקומען די נײַעס וועגן די שחיטות אין די לעצט געבליבענע ייִדישע שטעט און שטעטלעך. איך האָב באַטראַכט די צייכענונגען, און נאָך מער דעם בלייכן ייִנגעלע מיט די גרויסע העל בלויע אויגן, געקוקט אויף די דורכזיכטיקע אָדערלעך, אויף זײַן לײַכטן סודותדיקן שמייכל און דערפֿילט, אַז אין דעם ייִנגעלע איז פֿאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז שטאַרקער פֿון אַלע די, וואָס פֿאַרמעסטן זיך צו פֿאַרטיליקן אונדזער פֿאָלק.

איך האָב באַטראַכט די בילדער געצייכנט מיט אַ בלײַער אויף צופֿעליקע שטיקלעך פּאַפּיר — סקיצן פֿון קעפּ, ערגעץ אַ מאָל געזעענע.

אין יענעם אָוונט בין איך געוואָר געוואָרן, אַז צו אַלע אויסטערלישקייטן אין ווילנער געטאָ איז צוגעקומען נאָך איינע — זלמן.

* * *

אין געטאָ איז ער אין גאַנצן אַ חודש. אַנדערהאַלבן יאָר איז ער צוזאַמען מיט זײַן מאַמען אָפּגעלעגן אין אַ מאָנאַסטיר, אויפֿן בוידעם. דער הויזוועכטער פֿלעגט אין די נעכט זיי אַרויפֿברענגען שפּײַז. זיי האָבן געהאָפֿט אויף אַזאַ אופֿן איבערצולעבן די מלחמה.

זלמן האָט ניט איין מאָל געזען דורך די שפּאַלטן פֿון בוידעם, ווי מען שלעפּט ייִדן מאַסנווײַז צו דער שחיטה. אַ בלײַער האָט ער געהאַט. פּאַפּירלעך אויך, האָט ער געצייכנט. גאַנצע טעג, אויך ווינטער, ווען דער פֿראָסט האָט דורכגעפֿרוירן זײַנע דינע, דורכזיכטיקע פֿינגערלעך, איז ער געזעסן אין אַ ווינקעלע און געצייכנט. איין טאָג האָבן עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט די שטאָט און אָנגעצונדן זייער דאַך. זיי זײַנען קוים לעבעדיקע אַראָפּגעקראָכן. עס איז געווען ווינטער, אַ פֿראָסט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו קומען אין געטאָ.

די קינסטלער אין ווילנער געטאָ זײַנען געווען פֿון אים באַגײַסטערט. פּסח, 1943, האָט מען אין פֿאָיע פֿון געטאָ־טעאַטער געעפֿנט אַן אויס־

שטעלונג פֿון בילדער. אַ האַלבע וואַנט האָט געהערט זלמנען, אַחוץ די צייכענונגען, וואָס ער האָט געבראַכט פֿון בוידעם, זײַנען דאָ געווען שוין נײַע, געשאַפֿענע אין געטאָ גופֿא. איין בילד, געדענק איך, איז ווי מען גייט פֿון דער אַרבעט און די דײַטשן קאָנטראָלירן בײַם טויער. אַ צווייטס — געטאָ בײַ נאַכט. געצייכנט מיט טינט. אַ דריט בילד האָט דער קינסטלער אָנגערופֿן „איך אין דער שחיטה" — ווי אַזוי באַוואָפֿנטע פּאָליציסטן געפֿינען אים אין אַ באַהעלטעניש און שלעפּן אים צום טויט.

זלמנס בילדער האָבן זיך אויסגעטיילט פֿון אַלעמענס, כאָטש אין דער אויסשטעלונג האָבן זיך געהאַט באַטייליקט בײַ אַ צען ווילנער מאַלערס. און ער האָט טאַקע באַקומען די מאַלער־פּרעמיע פֿון דער געטאָ.

* * *

ס'האָט זיך דערנענטערט די ליקווידאַציע פֿון דער געטאָ. אויגוסט, 1943. אַ פֿרײַטיק. די גאַסן פֿול מיט געשרייען און פֿאַרביקע שמאַטעס. פֿנימער, פֿאַרכאַפּטע אין זונפֿאַרגאַנג, שפּריצן מיט משוגעת. אַ ייִדענע שפּאַרט זיך צווישן עולם מיט אַ טשאָלנט־טאָפּ, אײַלט צו דער בעקערײַ אים צו פֿאַררוקן אויף שבת, און גלײַכצײַטיק יאָמערט זי: „מען האָט דערשאָסן מײַנע דרײַ קינדער!" אַ זקן שלאָגט זיך אין האַרצן און בעט אויף זיך דעם טויט; קינדער לויפֿן אַרום איבער די גאַסן; דאָקטוירים טראָגן אַ פֿאַרסמטע.

איך בין אַרײַן אויף שפּיטאָל־גאַס 7, וואו עס וואוינט זלמן. הינטער דער טיר לאָז איך איבער די גוססדיקע גאַסן.

אַרויפֿגעקאָשערט די אַרבל ביז אויבן, איז פֿאַרטאָן דער קינסטלער אין אויסקנעטן אַ פֿיגור פֿון ליים. זײַנע הענטלעך, ווי צוויי שטראַלן, רונדן זיך, בייגן זיך אַרום אַ פֿײַכטער ליימענער מאַסע, וואָס איז געהאָרכיק און אונטערטעניק די באַוועגונגען פֿון מײַסטער. פֿון דער שטיק ליים וואַקסט אַרויס אַ קאָפּ און הייבט זיך שטאָלץ איבער מענערישע אַקסלען.

איך האָב געמיינט, עס איז אַ לעבעדיקער מענטש, אַ מענטש וואָס איז אײַנגעשמירט אין ליים... זלמן, וואָס האָט, ווײַזט אויס, מיך ביז איצט ניט באַמערקט, איז צו מיר צוגעגאַנגען, מיך באַגריסט מיט אַ שמייכעלע און גלײַך מיר אויפֿגעקלערט:

— „עס וועט זײַן משה רבינו, אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען..."

די מאַמע האָט צוגעגעבן: „שוין אַ וואָך, ווי זלמן האַלט אין קנעטן

אַ פֿיגור. פֿון וואַנען ער האָט אויסגעגראָבן ליים, ווייס איך ניט. פֿון וואַנען ער קען די מלאָכה — ווייס איך אויך ניט. צום ערשטן מאָל ווי איך זע אים זיך אַרומפּאָרען אַרום ליים. פֿון פֿרי באַגינען ביז אין דער נאַכט אַרײַן איז ער אין דעם פֿאַרטאָן. נעכטן איז געווען אַ לבנה־נאַכט, איז ער אויפֿגעשטאַנען, ווען אַלע זײַנען געשלאָפֿן, און איבערגעמאַכט די באַוועגונג פֿון אַ האַנט. זי דאַרף זײַן אַנדערש, האָט ער מיר אויפֿגעקלערט. און פֿאַר טאָג האָט ער אײַנגעדרימלט אין אַ ווינקל."

*
**

צום לעצטן מאָל האָב איך געזען דעם קינסטלער עטלעכע שעה פֿאַר מײַן אַרויסרײַסן זיך פֿון געטאָ, דעם 12טן סעפּטעמבער, 1943.

עס איז געווען אין די טעג פֿון ווידערשטאַנד און געראַנגל. איך האָב געוואוסט, אַז מאָרגן וועל איך שוין דאָ ניט זײַן: אָדער איך וועל אומקומען מיט געווער אין האַנט בײַם דורכרײַסן די אַרומרינגלונג, אָדער איך וועל זיך ציִען דורך וועלדער צו אַ פּאַרטיזאַנען מחנה. איך האָב באַשלאָסן זיך צו געזעגענען מיט זלמנען.

איך בין צו אים אַוועק. די שפּיטאָל־גאַס — שוין דרײַ פֿערטל אַ פּוסטע. מויערן אויפֿגעריסן מיט דינאַמיט. די גאַסן קוים דורכצוגיין. איך באַגעגן דעם ד"ר פֿעלדשטיין, געוועזענער דירעקטאָר פֿון קאָוונער גימנאַזיע. ער איז אַלט און גרוי געוואָרן, ווי באַשאָטן מיט אַש. ער זוכט בײַ מיר אַן עצה. וואָס טוט מען? איך ראָט אים אַוועקצוגיין נאָך הײַנט אין שטאָט צו זײַנע ניט־ייִדישע באַקאַנטע, וואָס האָבן אים פֿאַרגעלייגט בעת אַן אומגליק צו קומען.

מיר זײַנען בײדע אַרײַן צו זלמנען. עס איז ווידער זון־אונטערגאַנג. נאָר דאָס צימערל זעט שוין אויס אַנדערש. פֿון די אויפֿרײַסן איז אָפּגעפֿאַלן דער טינק. די זעלבע ווענט, וואָס זײַנען נאָך ניט לאַנג באַצירט געווען מיט זלמנס בילדער, זײַנען איצט הויל און צעשפּאָלטן. נאָר אין ווינקל בײַם פֿענצטער איז די פֿיגור פֿון משהן. משה אָנגעלענט אָן אַ שטיין פֿול מיט מעכטיקייט און צאָרן. זלמן שטייט אַ שטילער, אַ לויטערער און פֿאַרגלעט אַ באַק פֿון דער סקולפּטור — נעכטן בעת דער שיסערײַ איז דאָ דורכגעפֿלויגן אַ קויל.

*
**

אין וואַלד האָב איך ניט געקענט רוען. איך האָב אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען זיך צו דערוויסן וועגן זלמנס גורל. אָבער אָן רעזולטאַט.

די פֿאַרבינדלער, וואָס זײַנען געגאַנגען פֿון וואַלד אין ווילנע, האָבן מיר איבערגעגעבן בלויז איינס: די געטאָ איז ליקווידירט. אויף דער באַן הענגט אַ שילדל: „יודען ריין!“ אין שטאָט זײַנען פֿאַראַן צוויי קאָנצענטראַציע-לאַגערן, וואו עס לעבן נאָך עטלעכע טויזנט ייִדן. אין איינעם פֿון די לאַגערן איז זלמן ניטאָ, אַ פֿאַרבינדלער איז דאָרט געווען. וואָס שייך דעם צווייטן לאַגער איז ניט מעגלעך זיך צו דערוויסן, ווײַל דער לאַגער איז שטאַרק באַוואַכט און מען קען זיך אַהין ניט אַרײַנבאַקומען.

אין דעצעמבער, 1943, איז אַנטלאָפֿן פֿון אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער צו אונדזער באַזע אין וואַלד דער מיטגליד פֿון דער פּאַרטיזאַנען-אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, טעווקע שערעס. פֿון אים האָב איך זיך דערוואוסט: זלמן איז מיט זײַן מאַמען אין לאַגער. ער ליגט דאָרטן אויפֿן ביידעמל (ווי פֿאַר אַ יאָרן אויפֿן בוידעם פֿון מאָנאַסטיר) און ער צייכנט. צו דער געהיימער פֿאַרשטעלונג פֿון די קינדער אין קאָנצענטראַציע-לאַגער האָט ער אָנגעמאָלט וואונדערלעכע דעקאָראַציעס. אויך די ווענט זײַנען געווען באַהאַנגען מיט זײַן קונסט.

ווי ראַטעוועט מען דעם קינסטלער? די פּראָבלעם האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט. איך בין אַוועק צום קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע און דערציילט אים וועגן דעם זעלטענעם ייִנגעלע.

— „גיט אַן עצה, חבֿר קאָמאַנדיר, ווי אַזוי אים צו ראַטעווען, אפֿשר איז מעגלעך אַהין צו שיקן מענטשן?“

דעם קאָמאַנדיר, וואָס האָט אַליין זיך פֿאַרנומען מיט מאָלערײַ, האָט די מעשה פֿאַראינטערעסירט.

— „גוט“, — האָט דער קאָמאַנדיר מיר געזאָגט, — „אין די נאָענטסטע טעג שיק איך קײַן ווילנע מײַנע מענטשן. צווישן אַנדערע אויפֿגאַבעס וועלן זיי באַקומען אַ באַפֿעל אַרויסצוקריגן דעם קינסטלער פֿון קאָנצענטראַציע-לאַגער און אים ברענגען אַהערצו.“

איך בין געווען געשפּאַנט און גליקלעך. איך האָב אָנגעשריבן אַ צעטעלע זײַן מאַמען, זי זאָל אָפּלאָזן זלמנען. מיר טוען עס, כּדי צו ראַטעווען איר קינד. בײַ דער מינדסטער מעגלעכקייט זאָל זי מיטגיין.

איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף דעם צוריקקער פֿון די שלוחים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טעג האָט מען דעם לאַגער אַרומגענומען מיט אַ דאָפּעלטער וואַך. און אַלע פּרוּוון זיך אַרײַנצובאַקומען דורכן דראָט אין לאַגער האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן. און מען איז געקומען צוריק אָן דעם קינסטלער.

און אָט האָט די רויטע אַרמיי באַפֿרייט ווילנע. מיט אַ ברענענדיק האַרץ יאָג איך צו מײַן היימשטאָט. איך באַגעגן ייִדישע פּאַרטיזאַנען.

— „וואָס איז מיט זלמנען?"

און צו מײַן גרויסער איבעררעשונג דערוויס איך זיך: ער לעבט. ער האָט זיך געראַטעוועט אין איינעם מיט דער מוטער.

דער ליטווישער פּראָפֿעסאָר סטאַקאוסקאַס, דער אָנפֿירער פֿונם שטאַטישן אַרכיוו, האָט זיי ביידן אויסבאַהאַלטן. טאָקע אין אַרכיוו גופֿא, אויף איגנאַטאָווער גאַס, האָט סטאַקאוסקאַס געמאַכט אַ באַהעלטעניש און צוזאַמען מיט נאָך פֿופֿצן ייִדן האָט ער געראַטעוועט אויך דעם קינסטלער.

* * *

ווען די מאַמע האָט געהאַלטן אין דערציילן פֿון אירע צרות און איבערלעבונגען, האָט זלמן זיך געבויגן איבער אַ פּאַפּיר און געצייכנט.

— „אָט אַזוי האָט אויסגעזען משה איידער אַ פֿאַשיסט האָט אים אַ שלײַדער געטאָן אָן דער ערד", — האָט זלמן מיר אָנגעוויזן אויף אַ צייכענונג, וואָס איז אַקערשט אַרויס פֿון אונטער זײַנע פֿינגער. — „איך וועל נאָך אויפֿשטעלן די סקולפּטור, איר וועט זען."

— „און וואו זײַנען דײַנע בילדער, געמאָלן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער?" — האָב איך אים געפֿרעגט, און מיך האָט גלײַך פֿאַרדראָסן וואָס איך וויקל אויף די וואונדן זײַנע.

— „איך האָב דאָרטן אין לאַגער איבערגעלאָזן דעם גאַנצן אַלבאָם", — האָט זיך זלמן איבערגעקוקט מיט זײַן מאַמען. — „מען וואָלט זיי אפֿשר געקענט נאָך אויפֿזוכן. נאָר סײַ ווי געפֿעלן מיר ניט די בילדער..."

מיר זײַנען אַוועק אויף סובאַטש, אַהין, וואו עס האָט זיך געפֿונען דער לאַגער. ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געווען אין דער פֿאַרשטאָט, האָט אַ דײַטשישער באַטאַליאָן זיך אַ נעם געטאָן צו די לעצטע ייִדן. אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, האָבן הונדערט און פֿערציק זיך געראַטעוועט. די איבעריקע זײַנען צעשאָסן געוואָרן.

צווישן די טויטע האָבן מיר געפֿונען זלמנס אַלבאָם. ער איז געלעגן אויפֿגעבלעטערט קעגן דער זון. און אַ טייל בילדער זײַנען געהייליקט געווען מיט בלוט.